בס״ד

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה״צ רבי אביגדור מיללער זצ״ל

שמות
שנה ב׳




כל הזכיות שמורות

## שטערבן און דערגרייכן

### חלק א - אפמאכן דעם ציל

**די שווימענדע קאסטן**

**יעדער** קען די דערציילונג אין די תורה פון א קליין בעבי אינגעלע וואס איז ארומגעשווימען אין א קעסטעלע אין דעם נילוס טייך. לויט'ן מענטשליכן פארשטאנד, וואלט דאס קינד וואס איז געלעגן דערין נישט געקענט דורכלעבן, ווייל די וואסערן פון דעם נילוס טוען זיך ארויסגיסן צום גרויסן ים און נאך א שטיק צייט אזוי ארומשווימען, וואלט דער קאסטן אריינגעשווימען צום טיפן ים און דאס קינד דערין וואלט דערטראנקען געווארן אדער וואלט א קראקאדיל אריינגעכאפט א גוטע סעודה. - אבער דאס איז זיכער, לויט'ן פשוט'ן בליק, וואלט דער אינגעלע בעבי משה'לע נישט געקענט געראטעוועט ווערן.

און דאן פלוצלינג, קומט אריין א נייע געשטאלט אין אונזער געשיכטע: וַתֵּרֶד בַּת פַּרְעֹה לִרְחֹץ עַל הַיְאֹר - די טאכטער פון פרעה האט אראפגענידערט זיך צו ארומוואשן אין טייך (שמות ב:ה). זי ווערט קיינמאל פריער נישט דערמאנט, עס איז ביז דאן אינגאנצן נישט באקאנט דער פאקט אז פרעה האט א טאכטער און מיטאמאל ערשיינט זי אויף די ארענע פון די היסטאריע, באדנדיג זיך אין דעם טייך, וְנַעֲרֹתֶיהָ הֹלְכֹת עַל יַד הַיְאֹר - און אירע דינסט מיידלעך האבן איר באגלייט ביים בארטן פון טייך.

די הייליגע חז״ל וואונדערן זיך אויף די ווערטער אין דעם פסוק. געווענליך ווען א פרינצעסן גייט אריין אין טייך זיך צו באדן, גייען אירע דינסטן אריין מיט איר אין די וואסער; דאס איז זייער ארבעט - איר צו באדינען און באשיצן. דאס איז עס, א פרינצעסן ווערט איבעראל באגלייט!

**זיך געטונקען אין וואסער מיט א ציל**

**אויף** דעם שטעלן זיך די חז״ל, פארוואס האבן די דינסטן שפאצירט לענגאויס דעם בארטן און זענען נישט אריין אין די וואסער צוזאמען מיט פרעה'ס טאכטער? די חז״ל פארענטפערן די שאלה אנטפלעקנדיג אז די טאכטער פון פרעה איז נישט סתם זיך געגאנגען באדן, מְלַמֵּד שֶׁיָּרְדָה לִרְחֹץ מִגִּלּוּלֵי בֵּית אָבִיהָ - דער פסוק לערנט אונז אז זי האט אראפגענידערט אין די וואסער זיך צו ארומוואשן צו אפטון פון זיך די עבודה זרה פון איר פאטער'ס הויז. זיך טובל'ן אין וואסער איז א צייכן פון תשובה, פון זיך אפהאקן פון די פארגאנגענהייט.

בשריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש

שוין א לאנגע צייט האט געעבערט פאר בתי' בת פרעה די פירונגען פון איר פאטער וועלכער האט געפייניגט די אידישע קינדער אן קיין שום בארעכטיגטע סיבה. זי האט אנערקענט ווי איידל די אידן זענען און עס האט איר שטארק געשטערט צו צוקוקן ווי די מצריים טוען זיי אזוי דערנידערן. נאכ'ן טראכטן און ארייננקלערן דערוועגן אזוי פיל, איז זי געקומען צום באשלוס אז זי וויל געהערן צו די זייט פון די אידישע קינדער; עס איז בעסער צו זיין צווישן די אונטערדריקטע ווי צווישן די אונטערדריקער. זי האט שטארק מיטגעפילט מיט די אידישע קינדער. אירע מחשבות האבן געקאכט מיט אויפרעגעניש און זי האט זיך געוואלט אפהאקן פון די אומגערעכטיגקייטן וואס זי האט בייגעוואוינט אין איר לאנד - דאס איז געווען דער ציל פון איר באד אין די טייך.

מיט דעם האט פרעה'ס טאכטער געמאכט א מרידה קעגן איר פאטער, און די דינסטן האבן נישט געוואלט מיטגיין דערמיט. דערפאר זענען זיי נישט אריין אין די וואסער צוזאמען מיט איר, נאר איר באגלייט פונדרויסן.

## א ריזיקאלישע שליחות

**שטייענדיג** ביים וואסער, געבט זי א קוק און זעט עפעס אינטערעסאנט שווימען אויף די וואסער - אן אומגעווענליכער קאסטן. מיר קענען פארשטיין אז פרעה'ס טאכטער האט זיך פארגעשטעלט וואס דאס איז און דערפאר וַתִּשְׁלַח אֶת אֲמָתָהּ - זי האט געשיקט איר 'אמה'.

עס זענען דא צוויי באדייטן צו דיווארט 'אמתה'; לויט איין ערקלערונג מיינט דאס - איר דינסט. צוערשט האט בתי' געהייסן איר דינסט, "שווים אריין אין די וואסער און נעם ארויס דעם קאסטן פאר מיר." אבער די דינסט איז נישט געווען קיין נאר; זי האט געוואוסט אז דאס קליינע שליחות שמעקט מיט א גרויסן שטראף, ווייל וואס קען דען ליגן אין דעם קאסטן וואס שווימט אויף די וואסער? זי האט פארשטאנען וואס עס ליגט דערין און דאס האט זי זיכער נישט געוואלט, זיך אנהייבן מיט פרעה.

דערפאר, ווען די דינסט איז געשיקט געווארן צו ארויסנעמען דעם קאסטן, האט זי געטראכט צו זיך, 'בשום אופן וויל איך דאס נישט טון!' זי האט אבער מורא געהאט פאר איר קאפ, זי האט זיך נישט געוואגט זיך צו קעגנשטעלן דעם באפעל פון איר הארינטע, קען מען זיך פארשטעלן אז האט אביסל אראפגענידערט אין די וואסער, געמאכט א קליינע השתדלות צו נעמען דעם קאסטן און דאן איז זי ארויס מיט ליידיגע הענט, פארענטפערנדיג זיך אז דער קאסטן איז געווען צו טיף אינעם טייך אז זי זאל דאס קענען דערגרייכן.

## די פרינצעסן שטרעקט זיך אן

**דאן** איז דער קאסטן אריבערגעשוואומען, ביז א סעקונדע וועט שוין זיין צו שפעט. האט די טאכטער פון פרעה מער נישט געווארט און זי האט אויסגעשטרעקט איר ארעם. דאס איז דער צווייטער באדייט: וַתִּשְׁלַח אֶת אֲמָתָהּ וַתִּקָּחֶהָ - זי האט אויסגעשטרעקט איר ארעם און זי האט עס גענומען. אין דעם פאל מיינט 'אמתה' - איר ארעם, ווי מען זעט אז די מעסטונגען פון 'אמה' ווערן געמאסטן לויט אן ארעם. אלזא, ווען די דינסט איז צוריקגעקומען מיט ליידיגע הענט, דאן האט די טאכטער פון פרעה אליין אויסגעשטרעקט איר האנט.

דערציילט די גמרא, אז איר ארעם איז נישט געווען גענוג לאנג און בדרך הטבע וואלט זי נישט געקענט דערגרייכן דעם קאסטן. אבער זי איז געווען אנטשלאסן נישט צו לאזן דעם קאסטן פארלוירן גיין, האט זי אויסגעשטרעקט איר האנט מיט איר גאנצן כח; זי האט אויסגעצויגן יעדער מוסקל, יעדער אדער, ביז זי האט ממש אפגעטיילט איר ארעם; עס איז ארויס פון פלאץ. דאס איז וואס די גמרא זאגט, איר ארעם איז געווארן לענגער ווי עס וואלט געדארפט זיין.

ווי אזוי האט דאס פאסירט? מען קען דאס אפלערנען פשוט אלס א נס אדער דורך אנדערע ערקלערונגען - אבער דאס איז זיכער אז זי האט דאס באוויזן מיט דעם כח פון איר גרויסן פערזענליכקייט. זי האט אויסגעארבעט איר זעל מיט א שטארקע שטרעבונג צו טון נאר וואס איז ריכטיג, דערפאר האט זי זיך אנגעשטרענגט מיט אלע כוחות, זי האט אויסגעשטרעקט איר ארעם די מערסטע וואס זי האט געקענט און דער באשעפער האט איר געהאלפן צו אויספירן איר רצון. זי האט געכאפט דעם קאסטן מיט די שפיץ פון אירע פינגערס ממש פאר עס איז אוועקגעשוואומען אויף אייביג. דערמיט האט זי אפגעצייכנט א באדייטנדער פונקט אין  די היסטאריע פון דאס אידישע פאלק.

## באהאלטענע מאטיוון

**ביי** פיל ענינים וואס ווערן דערמאנט אין די תורה שטייט נישט קיין סאך פרטים ארום דעם - צומאל ווערט נישט געזאגט קיין שום אריינפיר דערצו. אזוי איז אויך אין דעם פאל - צום ערשטן בליק זעט אויס אז עס פעלט וויכטיגע אינפארמאציע ארום די געהויבענע פרוי; מיטאמאל ערשיינט די טאכטער פון פרעה ווי א נייע באשעפעניש און זי קומט צו ראטעווען דעם אויסלייזער פון די אידן.

מיר דארפן אבער פארשטיין אז די טאכטער פון פרעה איז נישט פלוצלינג ערשינען אויף די ארענע. דאס איז וואס די חז"ל לערנען אונז ווען זיי זאגן שֶׁיָּרְדָה לִרְחֹץ מִגִּלּוּלֵי בֵּית אָבִיהָ - אז זי האט אראפגענידערט צו דעם נילוס זיך צו ארומוואשן און זיך רייניגן פון די זינד פון איר פאטער'ס הויז. ווען זי איז געגאנגען זיך באדן, האט זי אינזין געהאט עפעס מער ווי זיך סתם באדן, עפעס וואס איז איר געלעגן אין געדאנק שוין א לאנגע צייט פריער.

עס איז געווען נאר צוליב אירע רצונות, די מחשבות וואס זענען געלעגן אין איר הארץ פיל צייט, דערפאר האט זי זוכה געווען צו ארויסשיינען מיט איר מעשה; דער גרעסטער מענטש אין די געשיכטע איז פארביי געשוואומען אין א קליין קאסטן און זי האט באוויזן אים צו ראטעווען. דאס איז געווען איר שכר פאר אירע שטרעבונגען, אירע רצונות.

## פארדינט אן ארט אין די היסטאריע

**אצינד** פארשטייען מיר פארוואס די פשוט'ע דינסט האט נישט געקענט דערגרייכן די קאסטן. ווייל זי איז דאס נישט ווערד געווען - איר מח האט נישט געברויזט און געשפרודלט מיט געדאנקען איבער די חשיבות פון דאס אידישע פאלק. זי האט נישט געוואלט דערגרייכן דעם קאסטן! נאר ווייל די טאכטער פון פרעה האט געשטרעבט צו זיין א העלפער פאר דאס אידישע פאלק, נאר צוליב די רצונות וואס זי האט אנטוויקלט אין איר מח לאנג פאר דעם עפיזאד, האט איר דער באשעפער געפירט אויף דעם וועג וואס זי האט געוואלט און דערפאר האט זי מצליח געווען. איר רצון, איר שטרעבן, איז געווען דער אנהייב צו איר גרויסקייט אויף די וועלט.

דערפאר איז די טאכטער פון פרעה פארשריבן אין די תורה אויף אייביג אלס די מוטער פון דעם מושיען של ישראל, דער אויסלייזער פון דאס אידישע פאלק ווערט באטראכט אלס איר קינד. עס ווערט דערמאנט אין די תורה אויף שטענדיג דעם גוטן טאט וואס זי האט געטון. זי איז געווען די וואס איר האנט איז אויסגעשטרעקט געווארן צו ראטעווען די אידישע קינדער. דאס אידישע פאלק איז געקומען צו זייער עקזיסטענץ דורך די האנט פון די טאכטער פון פרעה. דאס איז שוין איינמאל א זכות! אזא איינע וואס האט זוכה געווען אין איר לעבן צו ראטעווען אמאל משה רבינו, פארדינט אן ארט אין די געשיכטע אויף אייביג.

## דער גורם צו אלעם

**וואס** מיר לערנען דא איז, אז עס איז דא א הקדמה צו אלעם וואס פאסירט צו א מענטש אויף די וועלט - און איבער אט דעם אריינפיר וועלן מיר יעצט ארומרעדן. די הקדמה צו כמעט אלע פאסירונגען וואס קומען פאר אין די היסטאריע פון אונזער פאלק, און אויך אין אונזערע פריוואטע לעבנס, פאסירן אין מח, אין דעם רצון וואס ווערט אנטוויקלט אין מח. דאס איז א חידוש און מערסטנס מענטשן זענען נישט באוויסטזיניג צו דעם וויכטיגן פרט - עפעס קומט פון פאראויס פאר אין מח וואס דינט ווי א גורם צו אלעם וואס פאסירט דערנאך.

דאס איז א נקודה וואס די גמרא (מכות י:) ברענגט, און אז מיר קוקן אריין אין חומש ווי אויך אין נביאים און כתובים, און אזוי אויך אין ש״ס און מדרשים, וועלן מיר דאס זען איבערגע׳חזר׳ט אומצאליגע מאל. דאס איז דער ענין פון בְּדֶרֶךְ שֶׁאָדָם רוֹצֶה לֵילֵךְ מוֹלִיכִין אוֹתוֹ - אין דעם וועג וואס א מענטש וויל גיין, ווערט ער געפירט. דאס מיינט, אז דער וועג צו הצלחה איז אויסגעפלאסטערט מיט גוטע רצונות. אויב דו וועלסט אויס א וועג אין לעבן, וועט דער באשעפער דיר העלפן צו מצליח זיין אין דעם וועג וואס דו האסט אויסגעוועלט.

## חלק ב - געפירט ווערן צום ציל

## נאכלויפן די רצונות

**דאס** איז א הבטחה פון חז״ל וואס מיר דארפן אבער גוט פארשטיין. בְּדֶרֶךְ שֶׁאָדָם רוֹצֶה לֵילֵךְ - א מענטש ווערט געפירט דורך דעם באשעפער אויף דעם וועג וואס ער וויל גיין. עס מוז זיין א רצון! דאס ווארט רוֹצֶה -וויל, איז ענליך צו דאס ווארט רָץ - לויפן. אויב דו ווילסט עפעס, טוסטו לויפן דערצו. דו בלייבסט נישט זיצן; דו גייסט אפילו נישט - דו לויפסט. דער אנהייב פון יעדע אמת׳ע דערגרייכונג אויף די וועלט איז אן אמת׳ער רצון דאס צו דערגרייכן.

אצינד הייבן מיר אן צו זען ווי וויכטיג עס איז צו אויספארעמען אין אונזער מח א רצון, א שטרעבונג צו דאס וואס איז גוט. און דאס מיינט, צום אלעם ערשטן, צו אויסגעפינען וואס עס איז לויטבאר אויף די וועלט. מען דארף דאס גוט דורכשטודירן, מען דארף אפגעבן צייט צו טראכטן: וואס איז וויכטיג? וואס זענען ווערדפולע שאיפות? מיינט נישט אז איר ווייסט דאס שוין, ווייל פיל פון אונזערע אידיאלן קומען פון די דרויסנדיגע וועלט - אויב איר טוט נישט קיין השתדלות צו אויספארעמען אייער מח מיט די ריכטיגע רצונות, וועט אייער מח נישט בלייבן ווארטן; די דרויסנדיגע וועלט איז פארנומען צו אויספארעמען אייער שטעלונג.

אודאי וועט יעדער איד זאגן, ״איך וויל אלעס וואס איז גוט. איך וויל זיין א גוטער ערליכער איד - דאס איז וואס איך וויל.״ אבער דער אמת איז אז אין זיין הארץ, אויב מיר קענען פראבירן דאס צו עפענען און כאפן א בליק, וועלן מיר זען אז ער שטרעבט, צום ביישפיל, צו ארומרייזן. ער וויל רייכקייט און נאך פיל אנדערע זאכן. מיר קוקן זיך ארום און מיר זעען וואס עס זענען די שאיפות פון מענטשן; מיר זעען אין וואס מענטשן אינוועסטירן זייער צייט. דער מח איז ליידיג פון די אמת'ע אמביציעס וואס קענען אים פארוואנדלען צו אן ערליכער איד. דערפאר איז וויכטיג זיך צו לערנען וואספארא שאיפות וועלן אונז פירן אויף דעם ריכטיגן וועג.

## מען דארף וועלן

**דאס** איז זייער א וויכטיגע לערנונג ווייל דער ערשטער טריט צו אנהייבן א וועג וואס פירט צו אמת'ע גליק, איז צו האבן א רצון צו דאס וואס איז וויכטיג צו קונה זיין אויף די וועלט. איינמאל איר האט שוין איינגעפלאנצט אט די גוטע שטרעבונגען אין אייער הארץ, דאן קומט די הבטחה בְּדֶרֶךְ שֶׁאָדָם רוֹצֶה לֵילֵךְ מוֹלִיכִין אוֹתוֹ - דאס איז א כלל אין דעם באשעפער'ס פירונג מיט די מענטשהייט, אז ער העלפט מצליח זיין אין דעם וואס מען שטרעבט דערצו. דערפאר, אויב ארבעט איר אויס אין זיך א רצון פאר גוטע זאכן, איז דאס אליין שוין א גרויסע דערגרייכונג ווייל אצינד האט איר שוין דעם באשעפער צו אייער זייט.

צום ביישפיל, דו ביסט א יונגער ישיבה בחור און דו ווילסט מצליח זיין אין לערנען. אלזא, כדי זיך צו רוקן פאראויס, איז נישט גענוג נאר צו לערנען. דו דארפסט טראכטן עפעס אזוי: ״איין טאג וואלט איך געוואלט זיין א גרויסער תלמיד חכם. הלוואי איך זאל קענען זיין ווי דער קצות החושן, אדער אפשר ווי דער נתיבות אדער דער מנחת חינוך. אהה! דאס איז וואס איך וויל פון מיר!״ דו זאלסט אבער נישט נאר זאגן די רייד - נאר באמת וועלן; דו זאלסט האבן אן אמת'ער חשק, א טיפער רצון: דו טראכסט דערפון אין דער צייט וואס דו גייסט אין גאס: 'איך וואלט אזוי שטארק געוואלט זיין א גדול בתורה.'

אבער דו ווילסט זיין א גדול בתורה, נישט ווייל דו ווילסט זיין בארימט אדער באקומען כבוד; ניין, דו האסט ליב די תורה. 'אויב איך זאל נאר קענען זיין א גדול בתורה; אויב איך זאל קענען אלע מסכתות, אויב איך זאל קענען אפזאגן גאנץ ש״ס אן זיך צו דארפן אפשטעלן און אריינטראכטן אין דעם פשט ווייל איך קען עס שוין אזוי גוט; שטעלט זיך פאר אזא זאך, אויב איך זאל קענען אפזאגן גאנץ ש״ס אזוי ווי עס זאגט זיך תהלים! אויב איך זאל קענען אלע תוספות אויף ש״ס, אוי, ווי פרייליך וואלט איך געווען!' אבער דאס אלעס ווענדט זיך וויפיל דו ווילסט באמת. ווייל דער רצון, דאס איז דער אנהייב.

דאס לעבן איז פול מיט מעגליכקייטן. דו מוזט זיין א רוצה. דו דארפסט וועלן גוטע זאכן. געוויינליך ווען מען וויל באמת, פירט דער באשעפער דערצו עס זאל פארווירקליכט ווערן.

## א ביישפיל פון א שערער

**צו** ערקלערן דעם ענין וועלן מיר נעמען א פשוט'ן ביישפיל פון א מענטש וואס וויל ווערן א שערער. דער מענטש וואס זיין ציל אין לעבן איז צו ווערן א שערער, וועלן דריי זאכן פאסירן צו אים; וואס די אלע דריי זענען אריינגערעכנט אין דעם כלל פון בְּדֶרֶךְ שֶׁאָדָם רוֹצֶה לֵילֵךְ מוֹלִיכִין אוֹתוֹ - אין דעם וועג וואס דער מענטש וויל גיין, אויף דעם וועג ווערט ער געפירט.

דער ערשטער שטאפל איז, אז ער וועט טרעפן מעגליכקייטן - ער גייט אויפכאפן פארשידענע מעגליכקייטן וואס קומען אים אונטער, וואס אנדערע - מענטשן וואס זענען נישט ארויס אויפ׳ן וועג וואס פירט צו האר שניידעריי - איגנארירן.

ער וויל שניידן האר, וועט ער אנהייבן דאס צו פראקטיצירן אויף זיין קליין ברודער׳ס האר. ער וועט פארשלאגן פאר זיין מאמע אז ער קען איר שפארן געלט אויב זי לאזט אים שניידן די האר פון זיין קליין ברודער. ווען ער זיצט ביים שערער ווארטנדיג מען זאל אים אפשערן, ניצט ער אויס די געלעגנהייט צו באטראכטן די ארבעט פון די פראפעסיאנעלע שערערס. אפשר וועט ער אויך אנטרעפן אויף די ווענט טאוולען אויף וואס עס שטייט עפעס וועגן שערן, וואס אנדערע וואלטן אינגאנצן נישט באמערקט, אבער ער כאפט זיך צו דערצו עס צו ליינען. די אלע געלעגנהייטן וועט ער אויפכאפן און מאכן ניצן דערפון; און זיי וועלן גורם זיין אים צו מוטיגן צו פארזעצן מיט זיינע זוכענישן פאר דעם צוועק צו וואס ער צילט. נאך א שטיק צייט וועט ער האבן קונה געווען אביסל ערפארונג און עטוואס וויסנשאפט אין דעם פאך פון האר שניידעריי.

דאס איז דער ערשטער כלל פון מוֹלִיכִין אוֹתוֹ.

## טראכטן ווי א שערער

**דערנאך** קומט דער צווייטער שטאפל. א מענטש׳ס כאראקטער טוט זיך פאקטיש טוישן לויט ווי אזוי ער שטעלט זיך אויס זיין לעבן. איינער וואס איז אינטערעסירט צו זיין א שערער, הייבט אן צו אנטוויקלען אין זיך א געוויסער מהלך המחשבה אין מח - א וועג פון טראכטן וואס ערמעגליכט צו אויספירן די אמביציעס. עס בויעט זיך אין אים דער מהות פון א שערער.

אזא מענטש ווערט געפיליש געבונדן צו דעם אינטערעס פון שניידן מענטשן׳ס האר. עס געפעלט אים די פאזיציע פון שטיין הינטער א קונד, אנהאבנדיג א שירצל, און באהאנדלען זיין האר. ער דערלערנט זיך ווי אזוי צו זיין געדולדיג צו מענטשן, צו אויסגראדן איידל זייער קאפ ווען זיי דרייען עס אין פארקערטן ריכטונג. אזוי אויך טוט מען אפשאצן וואו עס איז א פאסיגער ארט צו עפענען א שערעריי. די אלע געדאנקען קומען אריין אין מחשבה ווייל דער קאפ ליגט דערין. מען האט זיך געשטעלט א ציל צו זיין א שערער, און דער קאפ הייבט אן צו לויפן אין דעם ריכטונג און נעמט איבער דעם גאנצן מהות.

## דער באשעפער העלפט די שערערס

**דער** דריטער שטאפל איז גאר וואונדערליך: דער באשעפער אליין וועט זיך באטייליגן אין זיינע רצונות און אים העלפן ווערן א שערער. די פלענער וועלן ווערן פארווירקליכט. בְּדֶרֶךְ שֶׁאָדָם רוֹצֶה לֵילֵךְ - אין דעם וועג וואס א מענטש וויל גיין, מוֹלִיכִין אוֹתוֹ - וועט אים דער באשעפער פירן. דער באשעפער האט פיל אופנים ווי אזוי צושטאנד צו ברענגען דעם ציל, ביז מען דערזעט זיך מיט די הצלחה אז ער איז פאקטיש געווארן א שערער.

פארשטייט זיך אז דער ׳שערער׳ איז בלויז גענוצט געווארן אלס משל - דאס איז א ביישפיל אויף אלעס. דער מהלך שפילט זיך אפ אויך ביי פיל גרעסערע זאכן ווי שערן, דאס איז א גאנג וואס איז נוגע ביי יעדע סארט באשלוס פון א מענטש.

## דער וועג פון לעבן

**ווען** א מענטש באשליסט אז ער וויל זיין אן אמת'ער עובד ה'; ער וויל גיין אין די וועגן פון באשעפער, וואס וועט פאסירן? איינמאל ער קומט צו צו אן אמת'ער רצון, עס ברענט אין אים א פייער צו מצליח זיין אין עבודת ה', וועלן דריי זאכן פאסירן אין אים:

דער ערשטער שטאפל וועט זיין, אז ער וועט אויפכאפן מעגליכקייטן וואס אנדערע באמערקן נישט - געלעגנהייטן וועלן אונטערקומען וואס וועלן אים פירן אין גוטן ריכטונג; ער וועט טרעפן חברותות, ער וועט אנטרעפן א גוטער רבי, ער קען אפילו טרעפן עפעס א צדיק אדער גרויסער תלמיד חכם וואס וועט אים ארויסהעלפן מיט גוטע עצות און חיזוק צו גיין אין ריכטיגן וועג. ער וועט טרעפן הילף דורכאויס זיין וועג, וואס אנדערע וועלכע האבן נישט דעם רצון טוען בכלל נישט אויפכאפן. ער וועט זיך אנטרעפן אין געלעגנהייטן צו שטייגן אין עבודת ה' און ער וועט דאס אויסניצן, ווייל זיין שטרעבן איז צו גיין אין דעם וועג.

דערנאך קומט דער צווייטער שטאפל: ווען איינער איז אינטערעסירט אין עבודת השם, דאן הייבט זיך אן צו אנטוויקלען ביי אים א מהלך המחשבה - א וועג פון טראכטן וואס ערמעגליכט אים צו אויספירן זיינע אמביציעס. זיינע מחשבות ווערן אויסגעארבעט, ער הייבט אן צו פארשטיין פארשידענע באגריפן בעסער, זיינע געפילן און שאיפות ווערן אויסגעלייטערט - זיין גאנצער מהות הייבט זיך אן צו טוישן. אויב איר שטרעבט צו גיין אויף דעם דרך פון דינען דעם באשעפער, וועט זיך מיט די צייט אייער גאנצער נאטור טוישן - איר וועט זיך אנטוויקלען אינערליך מיט דער מהות פון א צדיק. דאס איז זייער א גרויסע דערגרייכונג! דיין קאפ וועט ווערן א קאפ פון א צדיק, דיינע מידות וועלן ווערן מידות פון א צדיק, דו וועסט זיך קענען קאנטראלירן. דו וועסט מער נישט זיין אינטערעסירט אין די נארישקייטן פון די וועלט, דאגעגן וועסטו זיין אינטערעסירט אין זאכן וואס זענען נוצליך און שכל'דיג און פירן צום תכלית. דו וועסט ווערן אן אנדער פערזענליכקייט, ווייל דו שטרעבסט צו זיין א צדיק.

און דאן וועסטו אנקומען צום דריטן שטאפל: דער באשעפער וועט פירן דיינע טריט. דו וועסט האבן א גוטער באגלייטער, דער באשעפער וועט מיטגיין מיט דיר און העלפן אנקומען צו דיין שטרעבן צו ווערן א צדיק. אזוי פאסירט אין ווירקליכקייט! אזוי ווי עס שטייט, יוֹרֶה חַטָּאִים בַּדָּרֶךְ - דער באשעפער ווייזט אפילו פאר די זינדיגע דעם ריכטיגן וועג (תהלים כה:ח), וְלַצַּדִּיקִים לֹא כָּל שֶׁכֵּן - און אודאי פאר די צדיקים ווייזט ער דעם ריכטיגן וועג פון לעבן (מכות י:). די ערליכע אידן וועלן באקומען חיזוק. אויף אלע זייטן וועלן זיי געפינען מענטשן וואס וועלן זיי העלפן און מחזק זיין ווי אזוי צו דערגרייכן זייער ציל צו ווערן צדיקים.

# חלק ג - דער וועג צו גליק

## א גאנג פון אומצופרידנ־קייט

**אצינד** קומען מיר צו זייער א וויכטיגער פונקט אין אונזער נושא, עפעס וואס איז נישט נאר פאסיג פאר צדיקים - דאס איז שייך פאר אונז אויך, ווייל דער כלל וואס די תורה זאגט אונז איז נוגע אין אלע חלקים פון לעבן. אויב מיר וועלן יא אדער נישט טרעפן דאס גליק אויף די וועלט ווענדט זיך אויך אין דעם כלל.

לאמיר זאגן א מענטש שטעלט זיך אויס זיין לעבן מיט א שטרעבן צו זיין טרויעריג. עס הערט זיך איראניש, אבער פיל מענטשן לעבן מיט אזא שטרעבן - זיי זוכן אומצופרידנקייט, זיי זוכן זיך אויף וואס זיך אפצוזערגן. איז וואס פאסירט? בְּדֶרֶךְ שֶׁאָדָם רוֹצֶה לֵילֵךְ מוֹלִיכִין אוֹתוֹ. דער באשעפער זאגט, "אויב דו זוכסט אומצופרידנקייט וועל איך דיר העלפן דאס דערגרייכן." דער באשעפער העלפט אים ארויס און ער איז מצליח צו זיין אומצופרידן. אוי, איז ער מצליח!

די זעלבע דריי שטאפלען וועלן פאסירן מיט אים. ערשטנס, ער וועט טרעפן געלעגנהייטן אין זיין לעבן פאר אומצופרידנקייט - געלעגנהייטן וואס אנדערע באמערקן נישט. וואו אימער ער גייט, וועט ער טרעפן אסאך סיבות צו זיין אומצופרידן. ער וועט זיין אומצופרידן מיט זיין משפחה, ער וועט זיין אומצופרידן מיט זיינע שכנים. ער וועט זיין אומצופרידן מיט דער טעמפעראטור אין זיין הויז און מיט דעם וועטער אינדרויסן. נאכאנאנד וועט ער טרעפן געלעגנהייטן צו זיין אומצופרידן.

## ציימונגען זענען דערדריקענד

**דער** מענטש וועט ליינען ציימונגען און ווערן בייז אויף אלעם וואס פאסירט און ער וועט באשולדיגן די גאנצע וועלט. צי זיינע אפשאצונגען זענען ריכטיג אדער נישט מאכט נישט אויס, ווייל ביי אים ווערט עס ווי אן אידיאל צו זיין אומצופרידן און אויפגערעגט.

אין אמת'ן, נאר איינער וואס איז אומצופרידן ליינט ציימונגען. פארוואס פעלט אייך דען אויס צו מיטלעבן די פראבלעמען וואס האבן פאסירט אין מעקסיקא? אדער אז עפעס א משוגע'נער האט אראפגעטאנצט פון א דאך אין אינדיאנע? וואס איז דאס אונזערע געשעפטן? לאזט זיי גיין זייער וועג און לעבט אייך ווייטער רואיג. נאר אויב איר זוכט אומצופרידנקייט וועט איר עפענען א ציימונג אדער אויסהערן די נייעס און טרעפן מער סיבות פארוואס צו זיין אומצופרידן.

און דער צווייטער שטאפל וועט זיין, אז ער וועט זיך טוישן פון אינעווייניג. זיין גאנצער מהלך המחשבה וועט ווערן געצילט צו אומצופרידנקייט. ווייל פונקט ווי עס איז דא א קוואל פון פרייד אין א מענטש'ס הארץ, איז אויך דא א קוואל פון טרויער; און איין מאל מען דרייט אן דעם קראן, הייבט עס אן ארויסצופליסן. נישט נאר אין קאפ, עס פליסט אינעווייניג אינעם גאנצן קערפער; צו די נערוון און צו די פיזישע סיסטעמען אינעם קערפער. ער וועט זיך פיזיש טוישן צו אן אומצופרידענער מענטש.

און דאן וועט ער קומען צום דריטן שטאפל, אז דער באשעפער וועט זאגן, "אויב דאס איז וואס דו זוכסט, וועל איך דיר שיקן נאכמער חיזוק אין דעם." וועט א מענטש וועלט אויס צו זיין אומצופרידן, אויב ער איז גענוג נאריש דאס צו טון, רעכנט זיך דער באשעפער מיט זיין גאנג. דו ווילסט נישט זיין פריילעך? וועל איך דיר העלפן דערמיט! דו זאגסט אז דער לעבן איז נישט גוט? אויף דעם זאגט דער באשעפער, "אין דעם וועג וואס דו ווילסט גיין, וועל איך דיר העלפן מצליח זיין." דער באשעפער וועט אים צושיקן מענטשן און אינצידענטן וואס וועלן אים טאקע געבן א סיבה צו זיין אומגליקליך.

דאס פאסירט ווען דער מענטש וועלט אויס א פאלשן וועג.

## דער וועג צו פרייליכקייט

**פארשטייט** זיך אבער אז מיר ווילן גיין אויף א פארקערטן דרך, אבער אויך אויף דעם ארבעט עס אויפ'ן זעלבן גאנג. אויב איר וועלט אויס צו אנצינדן דעם קראן פון דער שמחה קוואל, פאסירט אלעס אויף דעם זעלבן מהלך אבער אין די פונקט

פארקערטע ריכטונג; איינער וואס זוכט פרייליכקייט, וועט מצליח זיין. ביים ערשטן שטאפל וועט ער טרעפן געלעגנהייטן צו ווערן פרייליך וואס אנדערע טוען נישט אויפכאפן. ער וועט אויסקוקן פאר מעגליכקייטן צו טרעפן דאס גוטס אין זיינע ארומיגע.

צו מענטשן וואס ווילן באמת זיין פרייליך זאגט דער באשעפער, "דו זוכסט צו טרעפן פרייד אין מיין וועלט? דו זוכסט פרייליכקייט? וועל איך דיר עס מאכן טרעפן."

## דאס גליק פון פאמיליע

**דער** באשעפער וועט אים שיקן גוטע קינדער און פיינע שידוכים. דער באשעפער וועט אים באגליקן מיט פיל שמחות; די געבורט פון א קינד, א ברית, א בר מצוה, א שידוך שליסן און א חתונה. דער באשעפער וועט געבן פיל קינדער, וועלן זיך די אלע שמחות פארמערן. דערנאך וועלן קומען שמחות ביי די אייניקלעך און אור-אייניקלעך. אזוי וועט זיך אלץ מער פארמערן די געלעגנהייטן צו זיין פרייליך. עבודת ה׳ מאכט אונז פרייליך. מיר זיצן און האבן הנאה פון לערנען תורה, מיר געניסן פון שבתים און ימים טובים און אלע מצוות. אז מען זוכט שמחה טרעפט מען דאס אין אלע פרטים פון לעבן, אויך אין פשוט׳ן טאג טעגליכן סדר היום און פון אלעס ארום און ארום.

אבער מען דארף צוערשט שטעלן די טריט אויף דעם גאנג: "מיין וועג אין לעבן איז צו ליב האבן לעבן." דאס איז דער געדאנק פון זיין א ׳חפץ חיים׳. ווי עס שטייט, מִי הָאִישׁ הֶחָפֵץ חַיִּים - ווער איז דער וואס באגערט לעבן? ׳חפץ חיים׳ מיינט, מען דארף וועלן לעבן. די ערשטע זאך וואס מ׳דארף אפמאכן ביי זיך איז, אז מען גייט ליב האבן דאס לעבן.

## הנאה האבן פון די זון און רעגן

**אויב** האט מען ליב דאס לעבן, ערשטנס, וועט מען אנטדעקן דורכאויס דעם לעבן אלע סארט געלעגנהייטן צו הנאה האבן פונעם לעבן. א מענטש וואס וויל זיין פרייליך, אויב ער שפאצירט אויף דעם וועג פון גליק, וועט ער צוביסלעך אנהייבן זען זאכן וואס מאכן פרייליך. דאס לעבן איז פול מיט פרייד. די זון שיין ברענגט פרייד! דאס איז אפשר א חידוש פאר מענטשן, אבער אויב זוכט מען פרייד, אויב איז מען א ׳חפץ חיים׳, וועט מען אנטדעקן אז דאס לעבן איז פרייליך.

מיט די צייט וועט מען איינזען אז אויך די רעגן ברענגט פרייד. רעגן איז געשמאק! די טראפעלעך קומען אראפ, דאס זענען פערעלעך וואס פאלן פון די וואלקענעס. וואס הייסט? רעגן באדייט אז איר וועט האבן ריינע וואסער צו טרינקען. רעגן איז אן אנגעפילטע וואנע זיך ארומצוואוואשן און וואסער פאר דעם וואש מאשין צו האבן ריינע וועש. די רעגן וועט אויך פארמירט ווערן אין טרויבן און וויין און אויך אין עפלעך - רעגן מיינט, עס קומען גוטע צייטן! אלזא, אויב א מענטש וויל זיין פרייליך, טראכט ער פון די זאכן ווען עס רעגנט און ער וועט פאקטיש הנאה האבן פונעם לעבן - ער וועט ארויסזוכן און טרעפן די געלעגנהייטן צו וואס אנדערע זענען בלינד דאס צו זען.

## אינערליכע פרייליכקייט

**די** צווייטע זאך וואס וועט פאסירן איז, אז ער וועט ווערן אינערליך א פרייליכער כאראקטער. זיין גאנצער מהלך המחשבה וועט ווערן געפירט אין פרייליכע ריכטונגען - זיינע געפילן וועלן ווערן איבערגעארבעט צו געפילן פון צופרידנקייט און פון טרעפן גוטס אין די מענטשן און זאכן פון ארום. און דאס וועט משפיע אויף דעם קערפער

אויך! וואס פאסירט אינעווייניג אין זיין קערפער? עס איז מערקווירדיג! ווען א מענטש שטרעבט צו פרייליכקייט, ווערן געוויסע הארמאנען און ספאזמעס אקטיוויזירט אין אים מער ווי אין אנדערע מענטשן, וואס זיי בויען אויף דעם קערפער. דאס קען אפילו טוישן דעם מח פיזיש. עס איז וואונדערליך ווי אזוי דער באשעפער האט באשאפן דעם מענטשליכן קערפער אזוי פערפעקט, אז עס רעאגירט צו אפטימיסטישקייט. ווען מענטשן זענען אין א פרייליכע גיסטע, ווערן אלע פראצעדורן אין זיין קערפער געמוטיגט צו ארבעטן אויפ'ן בעסטן אופן.

און דער דריטער שטאפל איז, אז דער באשעפער וועט אים שיקן סיבות צו זיין א פרייליכער מענטש. איר דארפט נאר זאגן, "באשעפער, איך וויל זיין פרייליך אין דיין וועלט! איך וויל הנאה האבן פונעם לעבן מיט אלע כשר'ע און גוטע זאכן. איך גיי שטרעבן צו הנאה האבן פונעם לעבן." און דאן וועט דער באשעפער דיר געבן מיט וואס צו זיין פרייליך, ווייל דער באשעפער זאגט, בְּדֶרֶךְ שֶׁאָדָם רוֹצֶה לֵילֵךְ מוֹלִיכִין אוֹתוֹ.

## א הכנה צו די חתונה

**לויט** דעם וואס מיר האבן אויסגעשמועסט, איז וויכטיג פאר יעדן חתן, כלה צו אנהייבן דאס לעבן אויפ'ן ריכטיגן גאנג וואס פירט צו אמת'ע גליק - אבער אויך אויב איר האלט שוין פופציג יאר נאך די חתונה, קענט איר נאך אלץ אנהייבן היינט. יעדער חתן זאל באשליסן ביי זיך, "איך וויל לעבן מיט מיין ווייב מיט א פולקאמער שלום בית. איך האף קיינמאל נישט צו טשעפען אירע געפילן. איך האף איר אלעמאל צו שעצן און מאכן פרייליך." און זי זאל טראכטן, "מיין גאנץ לעבן וועל איך, מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף, פראבירן צו מאכן מיין מאן פרייליך און קיינמאל נישט זאגן עפעס וואס קען אים ווי טון. איך האף אים קיינמאל נישט צו שטערן אומזיסט און אויך נישט בעטן צופיל זאכן פאר מיר אדער פאר די שטוב. איך וועל זיך אנשטרענגען צו לעבן איינגעצוימט כדי צו פארגרינגערן אויף אים דעם עול פון פרנסה."

זיי מאכן ביידע די באשלוסן פון פאראויס, זיי זענען רוצה, זיי ווילן זיך פירן גוט; נישט נאר אויבערפלעכליך - זיי נעמען דאס אויף זיך מיט א לב שלם אז זיי ווילן באמת ערפילן די שאיפות, אויך שפעטער אין לעבן ווען עס איז נישט גרינג. און ווען מען וויל טון וואס איז גוט, דאן זאגט דער באשעפער, "אויב דאס איז דער פאל, דאן מוֹלִיכִין אוֹתוֹ - וועל איך דיר העלפן אויספירן דיינע רצונות.

## ארויסשעפן פונעם קוואל

**צו** געוויסע מענטשן, וואס הערן צום ערשטן מאל דעם געדאנק, זעט עס אויס ווי טעארעטיש און נישט למעשה'דיג, ווייטע השגות. אבער פאקטיש איז דאס א וויכטיגער יסוד אין אונזער לעבן, ווייל מיר האבן אלע טיף אינעווייניג א גרויסע נשמה וואס פארמאגט גרויסע כוחות צו קענען דערגרייכן. דאס ליגט אין אונז באהאלטן און די קלוגע מענטשן פראבירן דאס מערסטע צו אנטוויקלען א רצון צו גוטע זאכן און דורך דעם כח פון דעם רצון קומט מען אן ווייט. מַיִם עֲמֻקִּים עֵצָה בְּלֶב



אִישׁ וְאִישׁ תְּבוּנָה יִדְלֶנָּה - ווי טיפע וואסערן איז די חכמה וואס ליגט אין הארץ פון א מענטש און דער פארשטאנדיגער מענטש וועט דאס ארויסשעפן (משלי כ:ה).

דאס איז א שטארקער לימוד וואס מיר לערנען דא. רַחֲמָנָא לִבָּא בָּעֵי - דער באשעפער וויל דאס הארץ פון א מענטש. די ריכטיגע געפילן זאלן זיין אין הארץ. עס איז א צוגאנג פון פראבירן צו זיין וואס דער באשעפער וויל ער זאל זיין. מיט א רצון, ווען די געלעגנהייטן וואס ווען זיך מאכן אין לעבן זיין ענדלאז, ווייל מיר האבן דעם באשעפער צו אונזער זייט. דערפאר, די ערשטע זאך וואס מיר דארפן זיך לערנען, איז צו האבן א רצון - דאס איז העכסט וויכטיג!

רצון איז עפעס וואס מען פלאנצט איין אין די נשמה דורך לערנען און טראכטן. דו דארפסט האבן א רצון צו אלעס פון וואס די תורה לערנט אונז; דו האסט א רצון צו העלפן אידן, דו האסט א רצון צו מאכן דיין ווייב פריילין, דו האסט א רצון צו מאכן דיין מאן פריילין, דו האסט א רצון צו בויען א הויז ווי א בית המקדש מיט קדושה דערין, דו האסט א רצון אז דיינע קינדער און שפעטערע דורות זאלן זיין צדיקים. די ווילסט דאס! אויף דעם זאגט דער באשעפער, א מענטש וואס האט א רצון, וּבָחֲרוּ - זיי טוען אויסוועלן בַּאֲשֶׁר חָפָצְתִּי - וואס איך וויל, די זענען די מענטשן וואס איך זוך; די זענען די מענטשן וואס איך העלף.

## פלאקער אויף דעם חשק

**מיר** לערנען אצינד ווי וויכטיג עס איז פאר מענטשן צו ארייננברענגען אין זיך חשק - דאס קען מען טון דורך לערנען מוסר אדער אנדערע לימודים וואס טוען אויפפלאקערן די הארץ מיט א חשק. עס איז נישט גענוג נאר צו טון מעשים. ריכטיג, עס איז קיין שום ספק נישט אז יעדער דארף אוועקגעבן אסאך צייט צו לערנען די ענינים ארום די מצוות מיט אלע הלכות און דאס גלייכן - אבער עס איז אויך פון העכסטן וויכטיגקייט צו ארויסברענגען פון זיך א ליבשאפט צו תורה, א ליבשאפט צו מצוות און א רצון צו טון גוטס צו אידישע קינדער. אזוי ווי די טאכטער פון פרעה, וואס זי האט ליב געהאט די אידן, איז געגאנגען אויף דעם וועג וואס האט איר געפירט צו געהויבנקייט.

בְּדֶרֶךְ שֶׁאָדָם רוֹצֶה לֵילֵךְ מוֹלִיכִין אוֹתוֹ - אין דעם וועג וואס מיר ווילן גיין, וועט דער באשעפער אונז פירן. מיט אביסל אמונה און בטחון אז דער באשעפער קוקט אויף אונז און זעט אונזערע ברענענדיגע רצונות, וועלן מיר פירן אונזער לעבן מיט א פלאקער פייער וואס שיינט און ברענט, שטרעבנדיג צו טון אלעס וואס איז ריכטיג אין די אויגן פון באשעפער, און אזוי וועט זיין מוֹלִיכִין אוֹתוֹ - דער וועט באשעפער אונז פירן און מיר וועלן ערפילן אונזער תפקיד צוליב וועלכן מיר זענען באשאפן געווארן.

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן

צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט: 845-213-7571
פאר וויליאמסבורג רופט: 929-236-6802

# שאלות ותשובות
## מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

## שאלה:
## איז וויכטיג צו דאווענען מיט מנין?

## תשובה:
**עס** איז נישט נאר וויכטיג, עס איז א חיוב צו דאווענען מיט מנין. תפילה בציבור איז א חיוב און אויב מענטשן טוען דאס פארנאכלעסיגן זאלן זיי וויסן אז זיי ערפילן נישט זייער תפקיד. אויב קענט איר דאס נישט באווייזן צוליב דעם עול הפרנסה, דאן איז עס אן אנדער שאלה - זאג איך גארנישט. אבער אויסדריקליך איז עס א חיוב צו דאווענען מיט מנין.

אבער איך מוז אייך זאגן אז עס ווענדט זיך וואספארא סארט מנין. אויב איז דער מנין אזא געאיילטער מנין, וואס אויב איר געבט א הוסט האלט איר שוין נישט מיט, דאן גייט נישט צו אזא מנין. אבער אויב איר קענט דאווענען מיט א רואיגער מנין, איז דאס אן אומשאצבארע מתנה. דאווענען מיט כוונה איז זייער א וויכטיגע זאך - זייער וויכטיג. ותפילת ישרים רצונו - דער באשעפער באגערט די תפילות פון די ערליכע מענטשן. ער וויל הערן תפילה. הקדוש ברוך הוא מתאוה לתפילתן של צדיקים - דער באשעפער גלוסט צו די תפילות, אבער עס דארף זיין תפילות פון ערליכע, תפילות פון צדיקים. איר דארפט האבן די געלעגנהייט, די צייט, צו פארשטיין וואס איר זאגט.

דרך אגב, עס איז כדאי, זייער כדאי, צו לערנען די פירוש התפילות. מערסטנס מענטשן נעמען קיינמאל נישט די צייט צו אריינטראכטן אין דעם פירוש התפילות און זיי דערלייגן א געוואלדיגע געלעגנהייט. די ווערטער פון תפילה זענען א גאלד גרוב פון תורה'דיגע שאיפות און וואס מער מען דאוונט מיט כוונה, וועלן אייערע געדאנקען צוביסליך נאכגעשלעפט ווערן נאך די ווערטער - אזוי איז עס, המחשבה נמשכת אחר הדיבור. איינמאל איר געוואוינט זיך צו זאגן די ווערטער פון דאווענען מיט פארשטאנד, וועט איר אנהייבן מיטלעבן די געהויבענע שאיפות וואס ווערן אויסגעדריקט אין די תפילות.

### נדבת השבוע

נדבת השבוע נתנדב ע"י
הרוצה בעילום שמו
ויה"ר שזכות הרבים יעמוד לו שיזכה לראות רב נחת דקדושה
מכל יוצ"ח ולהתברך בכל מידי דמיטב עבה"ג בב"א

---

זיכו הרבים יעמוד לכל הנדבנים החשובים, משתתפים בהדפסה, והפצה